בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

חיי שרה תשפ"ג
ליל ש"ק מאמר א
סעודה שלישית מאמר ב

יו"ל פר' חיי-שרה תשפ"ד

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

## "גחלי אש"

לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

## "בם חייתני"

לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות

**יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"**
**מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו**
**של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע**

kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין פסוק (כד, לט) 'ואֹמר אל אֲדֹנִי אֻלַי לא תלך האשה אחרי', ברענגט רש"י א חז"ל (ב"ר נט, ט) 'אֻלַי כתיב, בת היתה לו לאליעזר, והיה מחזר למצוא עילה שיאמר לו אברהם לפנות אליו להשיאו בתו, אמר לו אברהם בני ברוך ואתה ארור, ואין ארור מתדבק בברוך'.

**די** רייד פון אברהם אבינו ע"ה וואס ער האט געזאגט **'אין ארור מתדבק בברוך'**, איז נישט נאר געזאגט געווארען בלויז פאר יענער דור אליינט, נאר דאס איז א שטענדיגע זאך אין יעדער דור און דור פאר יעדער איינער פון די אידישע קינדער, און אזוי וויא ס'שטייט פונעם **חידושי הרי"מ** זי"ע אז אויף יעדער שבת און שבת איז געזאגט געווארען **'אין ארור מתדבק בברוך'**, ווייל אין שבת קודש איז דא א ברכה אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (בראשית ב, ג) 'ויברך אלקים את יום השביעי', און יעדער איד וואלט געדארפען שפירען דעם קדושת און ברכת השבת, אבער אויב חס ושלום ער האט נישט מקיים תורה און מצוות אזוי וויא עס דארף צו זיין, און ער איז בבחינת 'ארור' - 'ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת' (תבא כז, כו), דעמאלט קען ער זיך נישט באהעפטען אינעם 'שבת' וואס איז 'ברוך' (שפ"א תרנ"ב, וראה לקוטי הרי"מ).

**די** דאזיגע רייד פונעם חידושי הרי"מ זי"ע דערמאנט אונז דעם מאמר פון הרה"ק **הרבי מקאצק** זי"ע וואס האט געזאגט דאס פאלגענדיגע: איך ווייס נישט וואס זיי ווילען פון מיר האבען, א גאנצע וואך טוהט יעדערער וואס עהר וויל, און אז עס קומט שבת קודש טוהט עהר זיך אהן די קאפאטע און די גארטעל און דאס שטריימעל, און עהר מיינט אז עהר איז שוין א מחותן מיט די לכה דודי, איך זאג 'כמעשהו בחול כך מעשהו בשבת'. והם הם - דאס זענען די ווערטער פונעם חידושי הרי"מ זי"ע, אז ער קען נישט זיין קיין מחותן מיט'ן 'ברוך', כל עוד וואס ער איז בבחינת 'ארור'.

**אבער** ס'איז פארהאן א עצה אויף פאר דער וואס איז חס ושלום בבחינת ארור, ווייל די **מפרשים** זענען מדקדק

אויפ'ן לשון וואס אברהם אבינו ע"ה האט געזאגט **'אין ארור מתדבק בברוך'**, וואס לכאורה איז דאס נישט אזוי פארשטענדליך, ווייל דער 'ברוך' וויל דאך זיך נישט באהעפטען ווערען מיט'ן 'ארור', ממילא וואלט געדארפען שטיין פארקערט 'אין ברוך מתדבק בארור' (עי' משכיל לדוד כד, לט (ועי' בוצינא דנהורא, פנים יפות נח ט, כה באר מים חיים לך יג, ג ופרדס יוסף כד, לט)). נאר דער באדייט דערפון איז, אז אויב דער 'ארור' ווייסט און אנערקענט אין זיין פעלער - חסרון, איז דאס שוין דער אנהייב פון זיין תיקון, און דאס איז דער טעם פארוואס אברהם אבינו האט נישט געזאגט 'אין ברוך מתדבק בארור', נאר ער האט געוויסען פאר זיין קנעכט אליעזר וויא ער קען זיך פארעכטען, ווייל ער פון זיך אליינט דארף שפירען אז ער איז 'ארור' און ער קען זיך נישט באהעפטען אינעם 'ברוך', און ווען ער וועט אנערקענען אז ער האט א פעלער, דעמאלט וועט ער זיך קענען פארעכטען און פארעכטען זיינע וועגען, און ארויס גיין 'מכלל ארור' צו 'כלל ברוך'. און אזוי איז אויך ביי יעדער איינער און איינער פון די אידישע קינדער, דורכדעם וואס ער אנערקענט זיין פעלער - חסרון און זיין נידריגע צושטאנד, האט ער אין זיין האנט דער מעגליכקייט זיך צו פארעכטען ארויס צו גיין 'מכלל ארור', כדי אז ער זאל זיין גרייט מקבל זיין דעם שבת.

**שטייט** אין די גמרא (שבת יב.) 'תניא חנניא אומר **חייב אדם למשמש בבגדו ערב שבת עם חשיכה**', לייגט די גמרא צו 'אמר רב יוסף **הלכתא רבתי לשבת**' - עס איז א גרויסע זאך איהם אפצוהאלטען פון איסור הוצאה אין שבת. און מיר דארפען אריין קלערען דערין, ווייל עס איז דאך דא נאך אסאך גזירות פון חז"ל, וואס זיי זענען זייער הארב און זייער חשוב, און מיר האבען קיינמאהל נישט געטראפען אז חז"ל זאלען זאגען אויף זייערע גזירת און תקנת 'הלכתא רבתי', און מיט וואס איז פארענדערט געווארען דעם דאזיגען תקנה (ועי' פרי צדיק שביתת השבת אות א).

**נאר** דער ענטפער דערויף איז אזוי וויא עס שטייט אין **ספרים הקדושים** אז דער זינען פון די ווערטער וואס חז"ל האבען געזאגט **'חייב אדם למשמש**

**בבגדו'** מיינט צו זאגען אז דער מענטש דארף זיך אינטער זיכען און בודק זיין זיינע מעשים און תשובה טוהן אויף אלע זיינע זינד, בודק זיין זיינע בגדים - בגידותיו. און געוויס טאקע איז די צייט דערויף ערב שבת עם חשיכה, ווען ער טוהט אן די בגדי שבת, און מ'מיינט נישט ווען ער טוהט אן די גשמיות'דיגע קאפאטע - נאר ווען ער וויל באקומען די לבוש פונעם נשמה פון שבת קודש, דארף ער זעהן זיך גוט בודק זיין אז ער זאל חלילה נישט זיין בבחינת 'ארור', נאר ער זאל זיין ראוי זיך צו באהעפטען אינעם ברוך, און דאס איז טאקע 'הלכתא רבתי לשבת'.

**און** אט מערקען אן די **מפרשים** אויפ'ן ענדערונג פונעם לשון פון די פסוקים, ביי אברהם אבינו ע"ה שטייט ווען ער האט געזאגט צו אליעזר 'הוא ישלח מלאכו **לפניך**' (כד, ז), און אליעזר האט געטוישט און געזאגט (כד, מ) 'ישלח מלאכו **אתך**' (עי' אלשיך הק' ועוד).

**וי"ל** לויט דעם וואס דער **שפת אמת** (לקוטים) שרייבט אויפ'ן פסוק (כד, י) 'ויקח העבד עשרה גמלים מגמלי אדוניו **וילך** וגו' ויקם וילך', פארוואס שטייט צווייי מאהל **וילך** [ועוד מה המכוון באמרו 'ויקם' אחרי שכבר אמר 'וילך'], און ער פארטייטשט אז ווען אליעזר האט אנגעהויבען צו גיין און געטוהן זיין שליחות באמונה, מיט א וויסענשאפט אז ער קען נישט חתונה מאכען זייו טאכטער מיט יצחק, און ער האט אנערקענט אינדעם אז 'אין ארור מתדבק בברוך', אין יענער מינוט וואס ער האט באקומען די פארשטאנד דאס צו אנערקענען - האט ער זוכה געווען ארויס צו גיין 'מכלל ארור לכלל ברוך', און ער האט געשפירט דעם ליכטיגקייט וואס באגעגענט איהם, און דאס איז פשט אין פסוק וואס ס'שטייט 'ויקם וילך' - קימה היתה לו, און זיינע פיס האבען איהם געטראגען צו גיין בשמחה.

**און** לויט דעם איז זייער פארשטענדליך אז דאס וואס אברהם אבינו ע"ה האט איהם געזאגט ישלח מלאכו '**לפניך**', איז נאך געווען ווען ער איז געווען א 'ארור' , אבער ווען ער איז אויפגעשטאנען צו גיין, ווען ער איז שוין אריין 'לכלל ברוך', דעמאלט איז דער מלאך - מלאכו '**אתך**'.

און אזוי איז דאס ביי יעדער איד, אויב ער אנערקענט אין זיין פעלער - חסרון, און ער ערוועקט זיך תשובה צו טוהן, מיט א רצון און א אינערליכען תשוקה אריין צוגיין אין שבת קודש מיט ריינע קליידער און א ריינע הארץ, דערמאלט גייט ער ארויס אין יענער מאמענט 'מכלל ארור לכלל ברוך', און ער איז זוכה זיך צו באהעפטען אינעם ברכת השבת און שפירען דעם קדושת השבת

**דער** אייבערשטער זאל העלפען אז מיר זאלען זוכה זיין מקבל זיין דער רוחניות'דיגע ברכה פונעם שבת.

## סעודה שלישית
## מאמר ב

**מיר** טרעפען ביי אונז אין דער פרשה א ענדערונג אינעם הלשון צווישען דאס וואס אברהם אבינו ע"ה האט געזאגט צו אליעזר, און צווישען דאס וואס אליעזר האט געזאגט ווען ער האט דאס איבער געחזר'ט פאר בתואל און לבן. אברהם האט געזאגט 'לא תקח אשה לבני מבנות הכנעני אשר אנכי יושב **בקרבו**' (כד, ג), ווידער אליעזר האט געזאגט אז אברהם האט געזאגט 'לא תקח אשה לבני מבנות הכנעני אשר אנכי יושב **בארצו**' (כד, לז), און די **מפרשים** און די ספה"ק שטעלען זיך שוין דערויף.

**מ'קען** טייטשען אז דאסווארט '**בקרבו**' מיינט אינערווייניג און צוזאמענט מיט איהם ממש, און דאס ווארט '**בארצו**' מיינט אין זיין פלאץ אבער נישט ממש מיט און צווישען איהם, און אליעזר האט חושש געווען אז אויב לבן וועט הערען אז אברהם אבינו ע"ה זיצט אינצווישען די בני כנען - בקרבו ממש, וועט ער טראכטען אז ער קען אויך נעמען א פרוי פון די בנות הכנעני פאר יצחק, און ער וועט מיינען אז אויב אזוי איז מעגליך אז לבן וועט האבען א מחותנים-שאפט און ממש א שייכות מיט אברהם אבינו. דערפאר האט ער געטוישט און געזאגט אז אברהם וואוינט אין ארץ הכנעני, אבער נישט ממש צווישען זיי, נאר ער וואוינט אין זייער לאנד - נאנט צו זיי, ער איז זייערע א שכן. אבער דער אמת איז, אז אברהם אבינו ע"ה איז געזעצען אינצווישען - 'בקרבו' פון די כנענים, און מיט דעם אלעם האט ער נישט געהאט קיין שום שייכות און א קשר צו זיי [נאר 'לבן' האט דאס נישט

געקענט פארשטיין, און דעריבער האט אליעזר געדארפען טוישען].

**און** דער 'סוד' דערפון ווייא אזוי איז געלונגען פאר אברהם אבינו ע"ה צו זיין 'יושב בקרבו', און פונדעסטוועגען בלייבען 'אברהם אבינו' מיט זיין צדקות, ווערט ערקלערט אין צוויי דרשות וואס חז"ל דרשנ'ן אויפ'ן פסוק (בראשית ב, ד 'אלה תולדות השמים והארץ **בהבראם**'. איין דרש זאגט די גמרא (מנחות כט: אל תקרי **בהבראם** אלא **בה"י בראם** - עולם הבא נברא **ביו"ד** ועולם הזה נברא **בה"י**, און די צווייטע דרש שטייט אין מדרש (ב"ר יב, ט) 'אל תקרי **בהבראם** אלא **באברהם**', און די צוויי דרשות זענען משלים איינער דעם אנדערען [וכדאיתא בזוה"ק (לך צא:) 'אלה תולדות השמים והארץ בהבראם' - בה"א בראם, באברהם, וכלא ברזא חדא קאים' (ועי"ש צג.)], ווייל אברהם אבינו ע"ה ווערט אנגערופען 'אברם העברי' (לך יד, יג), און חז"ל טייטשען (ב"ר מב, ח) '**כל העולם כולו מעבר אחד והוא מעבר אחד**', און מ'מיינט נישט בלויז ווען מען האט איהם נאכגעיאגט - ווען מען האט איהם אריין געווארפען אין כבשן האש און בשעת'ן מלחמה, נאר מ'רעדט וועגען דעם עצם קיום פון אברהם אבינו וואס דאס איז פארקערט פון עולם הזה, דער גאנצע וועלט - מיט אלע אירע הנאות און גשמיות'דיגע גלוסטונגען פון איין זייט - 'מעבר אחד', און אברהם אבינו איז געשטאנען אין דעם אנדערען זייט - 'מעבר אחר', דאס איז דער וועג וויא אזוי מען קען זיך אפטיילען פון די גויים און פון זייערע וועגען אויך ווען מען זיצט צווישען זיי - אינעם ה"י פון דער עולם הזה.

**און** ס'דא א רמז נפלא אין דער לשון הגמרא וואס ס'שטייט דארט (שבת לא: 'כל אדם שיש בו תורה ואין בו יראת שמים דומה לגזבר שמסרו לו מפתחות הפנימיות ומפתחות החיצונות לא מסרו לו - **בהי** עייל', טייטשט רש"י 'בהי עייל - באיזה פתח נכנס, לפתוח את הפנימיים', ויש לדקדק אז לכאורה וואלט מען זיך געדארפען באנוצען מיט'ן לשון **האיך** עייל, ווייל ס'איז נישט דא דא צוויי ערליי עפענונגען - וואס דעמאלט וואלט געווען די פראגע אין וועלכע עפענונג זאל מען אריינגיין, און אויב ער האט נישט די 'מפתחות

החיצוניות' האט ער נישט קיין וועג וואס דורכדכם זאל ער קענען אריינגיין עפענען די מפתחות הפנימיים, אויב אזוי וואס איז די באדייט אינדעם וואס ס'שטייט **בהי** עייל.

**נאר** מ'קען מסביר זיין אז די כוונה פון די גמרא איז בניחותא, אויב דער מענטש וועט ביי זיך טראכטען וואס איז דען אויב איך האב נישט קיין יראת שמים און איך וועל נישט קענען דערגרייכען דעם חכמת התורה, זאגט מען איהם: **בה"י** עייל, דו שטייסט דאך און געפינסט זיך אינעם ה"י פונעם עולם הזה, און כדי דו זאלסט קענען 'מחזיק מעמד' זיין נישט צו זינקען און אריינפאלען אינעם תחתית פון די ה"י, איז בעל כרחך דארפסטו האבען תורה און יראת שמים.

**און** אט שטייט אנהייב פונעם תורה (בראשית ב, ד) 'אלה תולדות שמים וארץ **בהבראם**', דאס ווארט בהבראם שטייט מיט א קליינעם ה"י, אינעם סוף פון די תורה שטייט (האזינו לב, ו) '**הלה**' תגמלו זאת', דאס ווארט הלהוי"ה שטייט מיט א גרויסע ה"י, און דער זוהר הקדוש (ח"א צג. וח"ג רצז:) ערקלערט דאס אינטערשידט צווישעןביידע פסוקים, און ער איז דאס מסביר לפי דרכו, עי"ש. און מ'קען אפשר דאס געבען צו פארשטיין על דרך העבודה, דער אייבערשטער האט באשאפען די וועלט - העולם הזה אז ס'זאל בלויז זיין א קאראדור - 'פרוזדור', א אדורכגאנג - מעבר וואס דורכדעם קומט מען אן צו די פאלאץ - טרקלין, די גאנצע וועלט איז א היכי תמצי איהם צו דינען און באקומען שכר זיך צו באהאפטען צו איהם ית"ש, און דעריבער שטייט **בהבראם** מיט א קליינעם ה"י, וואס דאס מיינט א קליינעם עולם הזה, ד.ה. אז די וועלט איז נישט באשאפען געווארען נאר אלץ די צוועק מ'זאל איהר דארפען אדורכגיין. און אויפדעם זאגט אונז די תורה שטראפרייד אין שירת האזינו, '**הלה**' **תגמלו זאת**' מיט א וואונדערונג - לשון תימה, עטץ האט איבערגעדרייט דעם קליינעם ה"י און געמאכט דערפון א גרויסען ה"י, עטץ האט געמאכט דערפון א גרויסען ה"י דורכדעם וואס עטץ זענט איינגעזינקען אינעם עולם הזה, דורכדעם וואס עטץ האט איבער געדרייט די עניני עולם הזה און געמאכט דערפון א עיקר און

א באזונדערע חשיבות (עי' מעמד פתיחת הישיבה כ"ה תשרי תש"פ - עבד"ד עמ' תקג).

**די** דאזיגע רייד באקומען א משנה תוקף דייקא דא אין אמעריקא, ס'איז דאך א ריזיגע ה"י, א ריזיגע עולם הזה, ס'איז דא עולם הזה ארום און ארום און ארום - די נידריקייט פונעם עולם הזה נעמט דא ארום פון אלע זייטען. פרעגט זיך די שאלה וויא אזוי קען מען זיך אכטונג געבען און זיך היטען דערפון, דער ה"י פונעם עולם הזה וואלט געדארפען זיין גאר קליין, און דער גאנצע שייכות צום עולם הזה און צום גשמיות וואלט געדארפען זיין עפעס, א קליין ביסעל און נישט מער. אבער דורכדעם וואס מען געדענקט אז מיר זענען קינדער פון אברהם אבינו ע"ה - אברם העברי, און דורך תורה און יראת שמים, קען מען זיך האלטען און אריבער גיין אינעם ה"י פונעם עולם הזה - אז ס'זאל בלויז זיין א קאראדור - פרוזדור וואס דורכדעם קומט מען אן צו עולם הבא.

**און** אט שטייט אין פסוק (וירא כא, כג-כו) 'ועתה השבעה לי באלקים הנה אם תשקר לי וגו', ויאמר אברהם אנכי אשבע, והוכיח אברהם את אבימלך וגו', ויאמר אבימלך לא ידעתי מי עשה את הדבר הזה וגם אתה לא הגדת לי וגם אנכי לא שמעתי בלתי היום', דער **רא"ש** אין זיין פירוש ברענגט א פשט פון **רבינו ברוך הצרפתי** [תלמיד המהר"ם מרוטנבורג] אז אבימלך האט געזאגט צו אברהם 'השבעה לי באלהים הנה' - ער זאל איהם שווערען באלהות לשם אלהים אחרים, בשם זיין עבודה זרה, און אויפדעם האט אברהם אבינו געזאגט 'אנכי אשבע', איך גיי דאך הערען 'אנכי ה' אלקיך' ביים בארג סיני, זיין מושבע ועומד בשם ה' פון הר סיני, און ס'איז נישט מעגליך אז איך זאל שווערען אין דיין געטשקע, און אויפדעם האט איהם אבימלך געזאגט 'לא ידעתי מי עשה את הדבר הזה וגם אתה לא הגדת לי' - אויפדעם וואס ער האט איהם געזאגט מוסר וועגען די ברינער - באר, און ער האט איהם צוגעלייגט און געזאגט 'וגם אנכי לא שמעתי בלתי היום' - דעם 'אנכי' וואס דו זאגסט מיר אז דו ווילסט שווערען אין זיין נאמען 'לא שמעתי עליו בלתי היום' [ווייל אויב עס גייט נישט ארויף אויפדעם, איז פארוואס האט ער מאריך

געווען בלשונו און געזאגט כל מיני לשונות פון התנצלות: לא ידעתי, לא הגדת לי, לא שמעתי, נאר געוויס זיכער מ'רעדט אויף יענער שבועה וואס ער האט געזאגט 'אנכי אשבע', האט אבימלך איהם געענפערט דערויף און געזאגט 'אנכי לא שמעתי'].

**און** ער ענדיגט דארט צו '**והדין עמו, מה לכהן בבית הקברות**', און בפשטות מיינט ער צו זאגען אז די 'דין' איז מיט אבימלך - ער איז גערעכט, ווייל וואס האט אבימלך מיט'ן וויסען דעם נאמען פונעם אייבערשטען. אבער נאך אלעמען דארף מען פארשטיין דעם לשון 'מה לכהן בבית הקברות', וואס ער משל'ט אויס אבימלך פאר א כהן, און דעם ידיעת ה' פאר בית הקברות [און ס'איז ענדליך צודעם וואס מען פארציילט אויף **הרה"ק האוהב ישראל מאפטא זי"ע און הרה"ק מרוזין זי"ע** אז זיי זענען איינגעשטאנען צוזאמען אין איין סטאנציע, און דער בעל האכסניה האט זיי אויסער געווענדליך מכבד געווען, און זיי האבען איהם געוואלט באצאלען אויף זיין גוטע באהאנדלונג, האבען זיי אוועק געזעצט דעם בעל האכסניה צווישען ביידע צדיקים, און דער בעל האכסניה האט געמיינט אז ער דארף עפעס זאגען, האט ער זיך אנגערופען אז ער שפירט 'כשושנה בין החוחים' [וואס ווייזט זיך אויס עס איז איהם געווען געוואונט צו זאגען שיר השירים, און דער פסוק איז איהם ארויף אויפ'ן געדאנק דעמאלט דאס צו זאגען], דער אפטא רב זי"ע האט דעמאלט געהאט 'אפצעס' - א וואונד מיט אסאך אייטער אין האלדז, און דעמאלט אין יענער צייט איז נישט געווען קיין היילונג אויפדעם, און פון רוב שחוק פון די ווערטער פונעם בעל האכסניה האט דער וואונד אין האלדז געפלאצט און דער אייטער איז ארויסגעגאנגען און ער איז אויסגעהיילט געווארען].

**מ'קען** זאגען אז רבינו ברוך הצרפתי מיינט צו זאגען פארקערט, 'מה לכהן' גייט ארויף אויפ'ן אייבערשטען, אזוי וויא ס'שטייט אין די גמרא (סנהדרין לט. 'אלקיכם כהן הוא', ד.ה. וואס האט דאס וויסענשאפט פונעם אייבערשטענס נאמען, 'בבית הקברות' ביי אבימלך און זיין קאמפאניע [רשעים שבחייהם נקראים מתים (ברכות יח:)], א גוי קען

דען פארשטיין, צו דען קען א גוי וויסען און פארשטיין און דערגרייכען דעם וויסענשאפט פונעם נאמען פון אייבערשטען?! און אזוי וויא דער **בית ישראל זי"ע** פלעגט זיין געוואוינט צו טייטשען דאס וואס יעקב אבינו ע"ה האט געזאגט צו לבן ווען ער האט איהם אינטערגעזיכט צו טרעפען ביי איהם זיינע געטשקעס - 'עם אשר תמצא את אלהיך לא יחיה' (ויצא לא, לב), געוויס אויך אויב דו וועסט יא טרעפען דעם גניבה - את אלהיך, לא יחיה - עס איז דאך א טויטע זאך, אן קיין חיות (עי' פני מנחם ויצא עמ' קנח). און דאס איז די באדייט פון 'מה לכהן בבית הקברות', צו דען דעם קֵל חי קען זיין דארט?! וויא אזוי איז מעגליך אז ס'זאל זיין ידיעת ה' און השראת השכינה ביי די גויים.

**און** נאר די אידישע קינדער האבען דער מעגליכקייט און דער כח צו דערגרייכען ידיעת ה', און אזוי וויא די ספה"ק טייטשען (עי' אור המאיר פר' לך) דאס וואס אברהם אבינו ע"ה האט געזאגט (לך טו, ב-ג) 'מה תתן לי ואנכי הולך ערירי ובן משק ביתי הוא דמשק אליעזר וגו' יורש אותי', אברהם אבינו ע"ה האט געזאגט '**ואנכי** הולך ערירי - דעם מאמר פון **אנכי ה' אלקיך** וואס מיינע קינדער דארפען מקבל זיין ביים בארג סיני, דער 'אנכי' וואס דארף שאקלען דער וועלט, האבען אליעזר און זיינע קינדער נישט דער מעגליכקייט צו הערען און דערגרייכען אזוי וויא ס'דארף צו זיין, און דער 'אנכי' וועט גיין לעהר - יהיה הולך ערירי, נאר מיינע קינדער וואס האבען מיין בלוט וואס פלוסען און זייערע גלידער [און זיי האבען די די-אן-איי פון אברהם אבינו], נאר זיי קענען דערגרייכען דעם וויסענשאפט פונעם אייבערשטען, זיי האבען די כח צו פארטראגען דעם '**אנכי**' ה' אלקיך.

**און** דער כח איז איבער געבליבען אויף שטענדיג פאר אלע קינדער פון אברהם לדורי דורות, בשעת זיי האבען א שווערקייט און בשעת זיי האבען נסיונות פונעם יצר, דארפען זייי געדענקען אז מ'האט דעם כח פונעם שבועה, אזוי וויא מיר בעטען [פאר'ן עקידה] 'זְכָר לנו ה' אלקינו אהבת הקדמונים אברהם יצחק וישראל עבדיך, ואת הברית ואת החסד ואת השבועה שנשבעת', דעם שבועה פון

'ברך אברכך והרבה ארבה את זרעך' (כב, יז) - אז מיר אידען האבען דער כח צו הערען דעם 'אנכי' און זיין מושבעים ועומדים, דעם שבועה פארמאגען מיר אין אונזער בלוט, און דער שבועה העלפט אונז צו אז מיר זאלען קענען אריבערגיין דעם וועלט אזוי וויא עס דארף צו זיין - בה"י עייל. ווען לבן הארמי און אלע כוחות קומען אונז צו שטרויכלען, דארפען מיר געדענקען אז מיר אידישע קינדער זענען 'מושבעים ועומדים מהר סיני', מיר האבען געהערט ביים בארג סיני 'אנכי ה' אלקיך', און פון דעמאלט אן זענען אלע אונזערע רמ"ח אברים משועבד צום אייבערשטען.

**יהי** רצון אז ס'זאל מקויים ווערען אין אונז 'השבעתי אתכם בנות ירושלים וגו' **שחולת אהבה אני**' (שה"ש ה, ח), און וויא דער **שפת אמת** פארטייטשט דאס (עי' תרומה תרס"ב) אז אין יעדער אידישע זעהל איז פארהאן אן אהבה צום אייבערשטען, נאר מיר זענען '**חולת אהבה**', ס'איז פארדעקט און ס'איז פארשטעלט, ער כאפט דאס נישט און ער קען עס נישט - דער אהבה איז אזוי פארשטעלט און פארדעקט, אזוי ווייט אז דער מענטש אליינט אנערקענט נישט אינעם אהבת ה' וואס ליגט אין טיפעניש פון זיין הארץ (ועי' שפ"א וירא תרס"ד, במדבר סוף תרנ"ו), אבער '**השבעתי אתכם**' - מיט'ן כוח פונעם 'ברית החסד והשבועה' און מיט'ן כוח וואס מיר זענען 'מושבעים ועומדים מהר סיני', קענען מיר דערוועקען און אנטפלעקען דעם אהבה, און בעטען און מתחנן זיין: **רבונו של עולם, חולת אהבה אני, מ'האט דיך ליעב, מ'וויל דיך קענען, מ'וויל דיך דינען, מ'וויל נישט קוקען אויף עולם הזה - אהבת ה' ברענט אין אונז, מיר ווילען און זענען משתוקק צו דיין נאנשאפט און ווילען דיר דינען, און אלע עניני עולם הזה זענען בכלל נישט חשוב אין אונזערע אויגען.**

**דער** אייבערשטער זאל העלפען מיר זאלען קענען באמת דינען דעם אייבערשטען אזוי וויא עס דארף צו זיין, און דער אייבערשטער זאל אונז געדענקען הברית החסד והשבועה, מ'זאל קענען זיין ריכטיגע אמת'דיגע אידען.